STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12038

IN LIKHT FUN SHOTN

S. Pellich

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין ליכט פון שאָטן

(פראָזע אין פערזן)

פון

ש. פעליטש

פארלאג „זעלבסט"
93 נעפּטשון עוו., ברוקלין, נ. י.

Copyright, 1937, by
S. PELLICH
Brooklyn, N. Y.

אין טעג, ווי שווערע קאָשמאַר־נעכט,
אין שלאַכט פון בייז און רעכט,
חשבונות פון פאַרדראָסן,
ווען קללות פון די שלעגער,
וויי־געשרייען פון משא־טרעגער
יאָגן פון די הייזער,
רופן אין די גאַסן, —
מאַכט מיין פריינט אויף לאָדן, טיר
פון צער אָן אַ שיעור
און פאַרטרויט זיך אָן מיר.
און טריב, פאַרלאָזן קלינגט זיין קול —
אַ סטעזשקע צום דערשעפטן קוואַל.

*   *
*

אין טיפסטן שלאָף איז דאָס געשען, —
אויפגעריסן און באַפוילן:
גיי!
פון וויסט און לער,
עמיץ,
ווער?
אַריינגעשליידערט:
גיי!!

צווישן הוילע שטיינער
לויפט אַ גרויער וועג,
שפּיציג, ווי אַ זעג.
שפּאַרט זיך אין די אויגן
אַ לאַנגע שוואַרצע נאַכט,

פרידנד מיט פאַרדאַכט.
שלאָגן אָן אין האַרצן
פליגל פון אַ גרויל,
פון פוסט און וויסט, און הויל.
אָפּגעגאַן אַ טריט,
וואַקסט אַ פעלז פון אונטן אויס,
שווער, דערדריקנד, גרויס.
באַנגסטלאַך ווארפסט אַ בליק —
קיין אומקער אויף צוריק!
קלעמט דאָס האַרץ אַ שרעק:
אויף צוריק פאַרווישט דער שטעג,
אָפּגעהאַקט דער וועג . . .
הויכט פון ערגעץ דיר אין מוח
אַ שאָטן פון אַ שטים,
אומהיימלאַך,
אַ פאַרשטיקטער ברום,

מאוימ׳דיג מיט דויער,
פון אייביגקייט פון גרויער, —
ס׳האָט עמעצנס אַ פעדער
געצייכנט אינ׳ם סדר:
וואָס ווייטער — אַל׳ץ נעענטער,
פאָרווערטס — צוריק,
איינוועגיגער בריק.
באַשערט:
אין גלאַנץ פון אַ גלי־פליג
ליכטיגט, שפילט אַ זון,
דער שטאַרקסטער פעלז צעריבן,
זעמדעלאַך צעשטויבטע דין.
און:
פאַר׳ן מאָרגן, פאַר׳ן רייפן טאָג,
פאַר׳ן לייכטזין, פאַר שווער און וואָג,
אַ פריינט און אַ גאַסט

פאַר פרייד און פאַר לאַסט.
גערדאַנק און געפיל,
פאַר ערנסט און שפּיל,
ווערט מאָנען און יאָגן,
דיין חלק און גורל
טיילן און טראָגן.
איז, אפשר,
ווער דיין גורל זיין,
ווערסטו זוכה זיין,
אַז —
ווען אין חושך פון פאַרצווייפלונג
ווערסט געשליידערט,
ווערסט זיך טרינקען,
טיף און טיפער אַרונטערזינקען —
ווערט קלאָר פאַר דיר זיך שיילן

פון נאַכט אַ העל באַגין,
פון כאַאָס — ציל, אַ זין.

און דוכטן וועט זיך דיר —
ביזסט אין אמת'ן פאַראַן
און פירסט אַ חשבון מיט מאָס און צאָל,
און זאכן זעסטו בולט, קלאָר:
באַרג און טאָל,
און שטיין, און בוים.
און געבענשט זיין מיט פאַרגעסן,
ניט געדענקען —
ס'איז בלויז אַ קאָשמאַר, צי אַ טרוים,
ניט נאָך ווערט,
נאָר ווי באַשערט.
און פרעמד וועט קלינגען דיר דאָס ליד,
וואָס באַגלייט דיין וועג

מיט שרעק און אַנגסט,
וואו שעלטסט און דאַנקסט,
און איבעריג וועט זיין דיין תּפילה,
אַז:
„ווען די נאַכט וועט צופאַלן,
זאָל פינסטער שטאָק ניט ווערן,
ליכטער זאָל דער הימל זיין,
פינקלען זאָלן שטערן;
און פון ערגעץ לאַקנדיג
זאָל געזאַנג זיך הערן,
בענקענדיג, פאַרשפּרעכנדיג,
פרייד געוויקט אין טרערן.
אַז —
ווען דער טאָג וועט אויסגיין,
זאָל אַ נס געשען —
זין און ציל פון זיין און אויס
לינדערן זאָל וויען".

און —
צעליינ אַ פּייער אין דיין האַרצן,
גלי רחמנות אָן ביז רויט.
און —
צעדריקט דיין פוס אומגערן
נאָר אַ ווערעמל אַ שטומס,
זאָל דיין האַרץ פאַרציטערט ווערן,
פון פּיין — צעלעכערט ווערן.
און —
אַ כל־שכן שוין אַ מענש,
אַ גליד פון דיינע גלידער,
געשטראָפט מיט אַ פאַרשטאַנד,
געשענקט בלויז דיינע ברידער . . .
ווערסטו זען —
הימל שפּאַלט זיך פון אַגאָניע־געדרייען,
קאָרטשעט זיך אין לייד פון אונטערגיין.

און גיין וועסטו צו די הייזער —
זיך צעשענקען,
גיבן זיי דאָס בעסטע
און דאָס ערגסטע, וואָס אין דיר.
וועט אַקעגנשטעלן דיר
אַמאָל אַ טרער,
צי אַ שמייכל פון אַ טיר,
צי אַ קללה פאַר דיין מי,
פון אַ מעסער אַ שטעכיק ברי.

און קוועלן וועט מיט איבערשוים
דאָס ליכטיגסטע אין דיר,
דער אָנהויב פון דיין אָנהויב,
דער המשך וואָס נאָך דיר —
דער לעבנס עליקסיר:
ליבע און רחמנות,

דער אויפהאַלט פון דיין רוים,
דאָס שענסטע אין דיין טרוים.

*   *
*

אין האַלז איז טרוקן,
שמאַרצן ליפּן,
וואַקלען פּיס,
אויגן קלעפּן.
און דער וועג —

שווערער, קרומער,
און אַרום — פּוסטער, דומער.

לער,
און איך ווייס —
ס'קוקט מיר נאָך ווער.
האָב איך זיך געבעטן:
ניט פון אָנגעקלאָגטן
און ניט פון שטרענגן ריכטער, —
אויגן פון אַ מילדן דיכטער.
זען:
ווייכע פאַרבן,
פעלד געשמוקט מיט גאָלד פון גאַרבן,
און העלע פריידן־טעג
אויף אַ גלייכן מונטער־וועג,
מיט אַן אָפּרו נעבן קילע קוואלן.

פילן, אַז
ווען פון הימל שטערן פאַלן
ווערן זיי צוריק דערהויבן
אין אַ נייעם ריינעם גלויבן.

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

איז גאָלד פון הימל
ווייכט פון מיינע ווענגן,
בלומענפרייד אײַלט מיר ניט אקעגן.
קלאָגט אין מיר נאָר איין מאָטיוו,
אוראַלט, פרימיטיוו:
פינסטערניש און ליכטיגקייט,
אכזריות און הארציגקייט —
שקלאַף און האַר.
ווענגן צוויי,
איך — אינמיטן שטיי —

איז די ברירה מיר געגעבן,
און איך האָב קיין ברירה ניט.
גיי איך,
אויפגעטרייסלט פֿונ׳ם הילכן פֿון אַ דונער,
איינגעשניטן פֿון דער שאַרף פֿון אַ בליץ.
און איך קען ניט לאַכן אַלעמענס
געלעכטער,
באַשערט איז מיר צו וויינען מיין איינן
געוויין.
טראָג זיך,
צווישן וואָלקנס שטויב,
געדיכטן רויך,
בערג מיט שטיינער,
שפּיציג הויך,
וואו געשפּענסטער נעענטן, דרינגען,
אוינן — תהומ׳ען אויף דיר הענגען.

* *
*

איז —
אין מינוטן פון באַגין,
אין מאָמענטן פון באַזין,
אין רגע'ס דינסטן שפּיץ,
אין שפּריצל פון אַ בליץ, —

ווערט חושך, העל און ליכטיג,
קויטיג — ריין און ציכטיג.
בטול ווערט דער גזר,
טוט זיך אָפּ דער צער
פון גאָרניט, פון אַ נול,
ממשות ווערסטו אין צאָל.
אויס זעמדעלע, אויס טראָפּן —
אַ ריזנבארג, אַ ים,
פארפונדעוועטער שטאַם.
צערטלסט, ווי מיט פינגער,
קלאַווישן פון צייט,
פון נאָענט און פון ווייט.
אַמאָל און היינט, און מאָרגן —
גאָרניט בלייבט פארבאָרגן
וויטאָג שפּיזיג פרייט זיך,
אומרו פיינליך קוויקט זיך:

דעם עיקר אָנגעטאַפּט,
אָטעם ווערט פאַרכאַפּט,
אין קלאָרקייט קוקסט פאַרגאַפט . . .
און —
אין בלויז א רגע׳ס שפּריץ,
אין בלענדעניש פון בליץ, —
שוין צוריק ווערט טונקל,
שוין אַרויס פון ווינקל
פינגער טויטע שטאַרצן,
נעענטן צום מוח,
רוקן זיך צום האַרצן.
שוין רייצט זיך ביי דיין זייט
אַ שטים, — פון נאָענט, ווייט ? —
„גאָרניט איז דער גאָר״.
איז אוים מיראזשן, וואָר.
אַ שטויבעלע צוריק,

חושך שפּרייט זיך דיק.
אַלע פעסטע גרונטן
ערגעץ ווייט פון אונטן.
אומעט קרעכצט און קלאָגט,
גריזשעט טעמפּ און נאָגט:
געוואַנדערט און געוואַנדערט
איבער שווערע וועגן,
געניִשטערט און געאַקערט —
ערגעץ מוז דאָך קליִנגען
דאָס גרויסע נייע וואָרט,
געווים איז אוים מיט ספיקות,
פעסטער באָדן דאָרט,
ביים וואָרט מיט דער נשמה,
פריידיגער נחמה.
געזוכט דאָס גרויסע וואונדער,
אַ צייכן כאָטש, אַ קלאַנג,

אין ווינקעלאך באַזונדער,
אין טומל, אין געדראַנג.
געוועז אויף אַלע מאַרקן,
אין קראָמען און אין הויפן,
צווישן אַלטע זאַכן,
רענדלאך און בשמים.
גאונים און חכמים,
פֿריסט פֿון תורה און פֿון וויסן,
ליפּן שטייף פֿאַרביסן,
געהיימניש אין די אויגן,
קנייטשן מיט׳ן שטערן —
ס׳עט נאָך זיין, ס׳עט ווערן,
באַלד וועט מען דערהערן.
אַליין פֿון זייער האַרצן
שפּאַרט אַרויס א מורא,
בלוטן שווערע טרערן:

אומזיסט די מי, זיך ווערן;
זיט אַ שטריק, דערווייטערט,
לעשן זיך די פונקען,
טיפער ווערט דאָס זינקען.
און שמייכל קרעמפּט אין טרערן, —
זיך ניט אונטערגעבן,
ס'עט אַלעס זיך דערקלערן.
דערווײַלע שלעפּ די קייטן,
גענאַר זיך און דעם צווייטן,
געלייטערט מוזסטו ווערן,
דייטלאך וואָס דערהערן
אויף דײַן וואנדער-וועג
פון זוכן און געיעג

*   *
*

קלינגט אַ גלאָק פאַרוואָרט:
אַליין, אַליין . . .
פון ווייטע עקן מיך פאַרטראָגן —
אויף דערווייל דאָ בלייב שטיין.
אין דיין קול זאָל קלינגען ציטער,

פון פרעמדע אוצרות זיי אַ היטער,
רוף און וואָרן, וועק, דערמונטער:
וואַך, וואַך!
היט די שיפן פון אַ קראַך.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

פאַר וואָסער עתיד זײַן אַ שומר,
גלייכן וועגן, פלאַנצן בוימער?

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

פון די הימלען רייסט זיך הימל —
אַנטבלויזטער פייער־שווערד,
אויסגעוועזן די אשמורה —
צו שטויב זאָל ווערן ערד . . .

*   *
*

האָט אַקעגן אָנגעטראָגן
וואלדס געהיימניספולער מורמל
און געמאַניעט:
אַהערצו קום, צו פלאנץ, צו דופט,
דאָ איז נאָענט הימל,

פריי פון קאשמאר,
מונטער דרימל,
און גבורה — דעמבע־בוימער,
און געזאַנג — פויגל־טרוימער.
אָט־דאָ זעץ זיך,
אָט־דאָ קיל זיך.

ליג איך אויסגעצויגן, אויסגעהוילט —
אַ צעקאָרטשעטע זעקל.
פון דער זייט גע׳חידוש׳ט זיך:
איז דאָס דאָס טייערסטע געווען ביי מיר
אַ לעבן לאַנג,
באַהערשט מיין ווילן און מיין מוח,
ביז׳ן לעצטן טראָפּן כח?
עקעל...

*   *
*

קוק איך
און איך ווער פֿאַרציטערט —
אַן אויג האָט מיך דערזען
שאַרף און טיף — אַ תהום,
גלייכגילטיק און גרויזאם,

נעמט אַרום דעם רוים.
גליטשט זיך איבער זאַכן
און דרינגט אין זיי אַריין,
זאַפּט זיי אין זיך איין
און שפּיגלט זיי אַרויס.
און עלנד שפּרייט זיך אויס,
און נישטיג־קליין ווערט גרויס . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

ערגעץ אינ׳ם רוים,
גאַנץ נאָענט און גאַנץ ווייט,
ניט אינמיטן, ניט אין זייט —
טראָגט זיך אַ באַלון.

האָט ער נישט קיין פענסטער,
איז ניטאָ קיין טיר,

פון אַ לעכל, שפּעלטל —
זעט זיך ניט קיין שפּור.
קיין הויך און קיין נידער,
קיין פאָרנט, ניט קיין אונטן,
באַלאַגערט און באַדראָט
פון פינסטערניש אָן גרונטן.

פאַרשפּאַרט זיינען דאָרט מענטשן
צווישן בלינדע ווענט,
אומרו אינ׳ם האַרצן,
אָנמאַכט אין די הענט.

פון דרויסן — ניט קיין צייכן,
קיין סימן ניט, קיין שיין,
וואָס דאָס זאָל באַדייטן,
וואָס ס׳עט ווייטער זיין.

טיף אין דער נשמה
הערט ניט אויף אַ קול,
טיף אינ׳ם באַוואוסטזיין
סמ׳ט א שלאַנגען־קנויל:
אין א מינוט, אַ רגע,
וועט אומזיכטבאַר אַ האַנט
דיך כאַפּן און פאַרשלעפּן
צום אָפּגרונט, וואָס ביים ראַנד.

גליוועט מען, מע שווידערט
ביים מינדסטן שאָרך פון האַנט,
צי קומט שוין ניט די ריי —
פאַר מיר דער וואונק צום ראַנד.

פּויקט מען אין די פּויקן,
טאַנצט מען מיט געזאַנג —

פאַרטומלען מרה־שחורה,
פאַרגעסן אונטערגאַנג.

זוכט מען אידעאַלן,
פאַרטויבן פון בייטש ס'קנאַלן,
אַ שיינדעלע דערזען,
אמת'ן דערגיין.
זעט מען וויזיאָנען אויפ'ן מאַרטיר־וועג,
מ'לעבט יאָרן מיליאָנען
אין געציילטע טעג.

ווערט איינער אומגעדולדיג,
שווער די שרעק, דאָס וואַרטן —
כאַפּט גיריג אָן די האַנט,
שפּרינגט פרייוויליג פון ראַנד, —

אין באַלון מיסטעריעזן
ווערט העכער די יללה,
מאַכט עמיצער אַ ברכה,
איינער שיקט אַ קללה.

וואַרט מען פאַראורטיילטע,
ווי אין טויטנהויז,
ניטאָ דאָרט קיין נחמה,
מ׳זעט קיין וועג ניט אויס.

אַז וואָס:
אָן דעם — אַ מניעה
אין רוים פון האַרמאָניע,
צי בלויז א שפּיל, קאַפּריז,
פון אַ קראַפּט, אַ ריז? . . .

*   *
*

און,
חלומ'ט זיך מיר —
איך בין דאָ.
בוימער, שטיינער,
זאַמד און גראָז.

פויגל, וואָרים, הונט און האָז,
און,
נאָך עפּעס אַ מין.

ניט בוים, ניט שטיין —
נאָר מילד און בייז,
גרויס און קליין.
משונה׳דיגער מין,
אין די מיליאָנען,
חלומ׳ען,
זיי זיינען דאָ,
פאראַנען.

הענגען צווייגן,
בוימער שווייגן,
בלינד און שטום.

נאָר זיי איינע דוכטן, קלערן,
נעפּלדיג, ווי ווייטע שטערן,
חלומ'ען פון הערן, זען,
שאָטן, ליכט, געלעכטער און געוויין.
פילן אין זיך ווילן.
זעען זיך באַוועגן,
גיך, געשווינד, אין אַלע עקן,
אויף אַ שטח פון ווייטע שטרעקן,
ווען אבי נאָר זיי פאַרטראַכטן,
מיט אַ שכל זיי באַטראַכטן.

אָט —
אַ בלעטל אויף אַ צווייגל,
פון שטילסטן ווינטל איינגעוויגט,
חלומ'ט — אין אַ ווירבל טראָגט זיך,
הויך, ווייט אין גרויסע רוימען,

ווייל פארגראָבן, ניט געריִרט זיך,
אומבאַוועגלאַך בלייבן בוימען.
ברואים,
און חלומ'ען, זיי ריידן, שרייען,
און קולות הערן זיי,
באַנומענע, שפּאַלטן וועלטן,
אינ'ם נעפּל פון די קעלטן:
— אַהער דעם אוצר, אַהער דעם וואונדער!
אפשר ברויט?
— אַניט איז אומגליק, אַניט איז אוים!
אפשר טויט?

אַזוי פון קאָרן אינ'ם זאַנג
איינציג הייסטער פארלאַנג:
רעגן, לעבן!
טריקעניש — אומקומעניש.

קוקסט אַרונטער,
פון דערווייטן, פון אַ הויך,
פילסטו א טשאַד, זעסטו אַ רויך.
קיין געווימל, — שטיל געשטיי,
קיינע קולות, ריידעריי,
אַ פאַרשטומטע שטומעריי.

אַ מין,
משונה׳דיגע ברואים.
אַ באַרג פון אייז שיידט איינס פון צווייטן,
ניט דערנענטן, צוצוטרעטן.
תהומות אָן אַ בריק.
איינגעהילט אין פעל פון נאָדלען,
שטעכלקעס פון אַ יאושיק,
שפּיציג, שאַרף, אויף צוצושטעכען,
ניט אָנצורירן.

שנאה — ווי פון אויגן צום צערייסן,
האַס — ווי פון ציינער צום צעבייסן.
פון דערווייטן שטיי,
ווען מיר דוכט: איך גיי!
נאָר, אַמאָל, ווי דורך כישוף,
אַ נס דאָרטן פּאַסירט —
אין אַ מדבר פּלוצים
אַ בלומען־קוסט צעבליט —
באַקומט דאָרט פּלוצים איינער
אַן אויג פון זון — אַ ליכט,
דערבליקט עס אין דער פינסטער,
וואו דאָרן וואקסט געדיכט,
ביי עמיצן אַ האַרץ,
לאָקט און שיינט אַקעגן אים
אַ צויבער,
לויכט אַרוים פון שוואַרץ.

און שטראַל גרייכט שטראַל,
פלעכט זיך אין דער נאַכט,
און, דוכט זיך זיי,
מע פרייט זיך און מע לאכט,
טרוימען מע פארטראכט.
פלאַנצט מען איין אַ גאָרטן,
זען אים נאָר זיי,
בליען דאָרטען בלומען
בלויז פאר איינע, צוויי,
און פאנטאַנען קוועלן,
און סע זונט, סע זינגט,
אין די הערצער דרינגט.
הערצער — מוזיק אינסטרומענטן ווערן,
שפּילן, כישוף'ן,
און נאָר זיי ביידע הערן,
און חלומ'ען פון בענקעניש און טרויער.

פון ליכט, פון פרייד, פון דויער,
ערגעץ וואו, פון אויפגעפראַלטן טויער . . .

אַ מין,
משונה׳דיגע ברואים,
אַזוי אייזיג, אַזוי זוניג,
אַזוי פריידיג, אַזוי האַסיג
ביי די פון שטייג און קריד,
געשטאַלטיגע ווי איך.

* *
*

אָטעם — אָפּגעהאַקט אין שרעק,
ווילן — איינגעקלעמט אין הינערפּלעט.
יאָמערט אום פאַרשטיקט געוויין —
אַן אומגליק איז געשען:

בלינד און גרויליג איז דער דרויסן,

באַרג און טאָל אין חושך טונקט זיך;
אָפּגעווישט פיגור, קאָלירן,
אַלץ פאַרגליווערט, ניט גערירט זיך.

סכנה לויערט אומגעזען,
וואו אַ קער — געפאַר, אַ פּאַסטקע.
רעוו און ברום פון קייטן רייסט זיך,
צערייצטע חיה אין שוואַרצע מאַסקע.

שוידערט נאַכט אין קאַלטן טוי,
ווערט אַלט און גרוי,
גרויער, בלוי.
העלט אויף און שטראַלט
פאַרב, געשטאַלט,
מאָרגן, ליכט,
הימל, באַרג.

וואַלד און טײַך,
אין גאָלד, אין ראָז,
און זילבער־רײַך.
קלאַנג,
עקסטאַז־געזאַנג,
פרײדיג ציטער,
טריט פון ריטער.
ער קומט,
ערשײַנט דער מענש,
דער גרעסטער וואונדער,
פון פי און טיר —
אַ וועג באַזונדער.
פון הײל, פון וואַלד,
צו שטאָט, צו פעלד.
פון ברוט, געוואַלד —
צו נונפט, אַ העלד.

גרוים און פראָסט, און זונדערבאַר,
קרעפטיג, מוטיג, זיגער, האַר.
האַרץ־בענקשאַפט און רחמנות,
גרייט אויף אומקום, אויף קרבנות.
פון וויסט און רוי —
באַשאַף, געבוי:
גערטנער, וועלדער,
שלעסער, פעלדער,
געדיי, געבליט,
פאַנטאַזיע אין הויכן פליט.
פליגלען שפּאַלטן
ווייטן, הויכן,
פליען, פליען —
קרום פאַרפלויגן,
צו דער הויכקייט ניט דערצויגן.

אָנגעשלאָגן אָן בייזן שטורעם —
ליגט צעשמעטערט אַ פעלזן־טורעם.

צונישט געוואָרן שכל,
צעמישט געוואָרן שפּראַכן,
אין קרעמפּן ליגט די פרייד, דאָס לאַכן.
אויגן — ווילד פון צאָרן,
האַרץ — פאַרגיפטעט, שטעכיג, דאָרן.
ברענען שטעט, וויסטן פעלדער,
וואַקכאַנאַליע, שווידער־טעג ;
בלוטיג הוליען אויפ׳ן וועג
פון מענש דעם צדיק, מענש, דעם זינדער,
דעם מלאך־טייפל, דעם גרעסטן וואונדער.
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
טראָגט זך מיט נצחון

אַ כוואַליע אויפ'ן ים —
באַפרייט זיך מיט גבורה
פון טיפעניש, פון תהום.
און,
אָט איז זי צעשמעטערט,
צעשטויבט אין ווייסן שוים, —
געענדיגט די נסיעה,
אַ לעבנס־לאַנגען טרוים . . .

*   *
*

טויכט אַרויס שטאָט,
ענג און שמאָל,
צוואַנג,
פויסט פון שטאָל.
איז,

אינ'ם זאַל, אין פּאַלאַץ
שפּילט מוזיק,
רייצט, רעגט אָן —
טאַנץ!
דאָ כל־טוב אויפ'ן טאַץ.
שמעקט פּאַרפיום, דופטן בלומען,
גאָלד און דימענט פינקלט, גלאַנצט,
וויכערט מאַן, פלאַטערט פרוי,
ברענט דאָס לייב, פיבערט אויג,
כישופ'ט, שיכור'ט קער און בויג.
גלאָז פון ווײַן קיינמאָל פּוסט,
שטענדיג פרייד, אימער לוסט,
ווייט פון זאָרג, פריי פון יאָך,
אימער יום־טוב, קיינמאָל וואָך.

פון פּאַלאַץ, אויפ'ן באַרג,
שאַלט מוזיק אַראָפּ אין טאָל.
דרוקט געמיט שווערער שטיין,
קלעמט דאָס האַרץ האַרטער שטאָל.
אָנגעכמאַרעטע פיגורן,
פּנימ'ער צעקנייטשט פון זאָרגן,
ברייט צעלייגטע מרה־שחורה —
עפּעס שלעכטס, עפּעס ערגער
ברענגט מיט זיך דער בייזער מאָרגן.

און דער שלאָס ציט און ציט,
די מוזיק כישוף'ט, רופט;
ווערט פאַרלאָקט פון אונטן איינער,
ס'פּנים האַרט, קריצן ציינער,
פּלעפּט ביים טויער, קאָפּ געבויגן,
ליפּ פאַרביסן — פּיבער — אויגן;

ווייל דער טאַנץ הייסער, פרעכער,
שפּאַט, געלעכטער — העכער, העכער,
קייקלט זיך צום טאָל אין לעכער.

גרוס, ידיעה הערצער צינד:
אויבן איז מען טויב און בלינד,
אַלץ דו זעסט איז ציין און נעגל,
זאַטע חיות, ווילדע פויגל.
און די אומרו שטאַרקער וואַקסט,
און דער כעס הערצער רייסט;
דינאַמיט, פאַרשטיקטער קנאַל
שפּארט צום קראטער שטיל דערווייל,
ווייל אין טיף עס ברויזט און קאָכט,
און דער שלאָס ער טאַנצט און לאַכט,
האָט קיין אָן פון סוף, פון נאַכט.

*   *
*

פינגער קרומע, קראַנקע נעגל,
אויגן — הונגעריגע פויגל,
גראָבן, נישטערן אין מינען —
גהינומס פון אונטער דר׳ערד,
פאַבריקן — מאָנסטערס הוילער גרויל,
ווכן עפּעס עסן.

מידע טריט, פאַר׳חושכ׳ט פּנים,
אויסגעשעפּט, אַ וויסטער ברונים,
פינטלען אויגן, הינטיש בעטלען:
— עסן!
ניט גערירט זיך, צעקרימטע ליפּן,
קייכט צו זיך אַליין,
— אַ געלעכטער, אַ געוויין? —
טיף פאַרקריכט דיר אין די אויגן:
— עסן!

אַזוי לאַנג שוין, ׳זוי פיל יאָרן,
טראָגט די וועלט אַרום זיין קלאָגן.
רק ער בעטלט מיט די אויגן,
קאָפּ און רוקן צו דער ערד געבויגן.

* *
*

האָט אַ פינגער פון דער צייט געוואָרנט:
דער טאָג פון רעכנונג איז נאָענט.
פארצאמסט דעם וועג צו אַלע גיטער,
באַוואַכסט די שפייכלער מיט שטרענגע
היטער,

און אים באַפֿעלסטו: „ניט,
האָסט קיין חלק אינ׳ם שניט!״
פֿאַרטראָגט ניט מער זיין רוקן
פֿון לאַסט דאָס שווערע דרוקן,
מער ווילן ניט די אָרעמס
בויען פֿאַר דיר טורעמס,
וואו אין ווילדן טאַנץ, אין וויין
פֿאַרשווענדסטו דאָס,
וואָס אויך זיינס דאַרף זיין.

ווען ער קומט אַהין,
וואָס ער רופֿט אַהיים,
און עלנד שפּאַרט פֿון יעדן לאָך,
און אויגן מאָנענדיגע
באַקלאָגן שטום דעם יאָך, —
טריקנט זיין געדולד דיין אויס,

ברויזט אין אים דער צאָרן אויף.
ער פארלײדט ניט מער דײן פרײדיג הויז,
ווערט אים נמאס,
ר'ווערט שוין מיד —
נערן זיך מיט ברעקלאַך
פון דײן איבערפולטן טיש,
הערן דאָס געלעכטער
פון דײן יובלדיגן ליד.

ס'איז אים שוין דערווידער
זײן בײז־חלומ'דיג געלעגער,
פאר'ן שטיקל ברויט
אומארעמען דעם טויט, —
ווען פון דײנע אויגן
[illegible]ט אויף אים [illegible],
מיט עקל,

צי פון גרויסמוט, כלומרשדיגן לייד
וואַרפסטו אים צו אַ ביינדל,
אַ טראַנטע פאַר אַ קלייד.

* *
*

צווישן גראָזן און אַ צאָל,
אויף לאָנקע, באַרג און טאָל,
שטייט אַ קליינטשיק גרעזל,
מ'זעט עס קוים אַרויס,
אויף אַ פּיצל בערגל,
און אַרבעסל די גרויס.

לעבן אינ׳ם בערגל
באַשעפענישן מילבן,
ציילן מיליאָנען,
און אפשר ביליאָנען.
נאָך פאַרב צעטיילט אין ראַסן,
לויט מילבישן פאַרמעג —
אין פארשידענערליי קלאַסן.

שטאַרקע זיינען האַרן,
שוואַכע ווערן שקלאַפן.
פלינדערט האַר און גאַרט,
שקלאַף דערלייזונג גאַרט.

האָט אַ מילבל אַ בעל חשבון
סוחריש אויפגעוויזן:
לעבן איז מלאכה

און געצאָלט איז שכר.
קלאָר — איינס און איינס איז צוויי.
אָפּגעניינט — איז וויי,
עקזיסטענץ — געפאַר.
שטורעמען די האַרן:
— לעסטערונג, רעבעליאָן!
ביי די שקלאַפן אויגן גלאַנצן:
— הייליגקייט, רעליגיאָן!

ניטאָ קיין רו, קיין פרידן,
מ׳האַלט זיך אין איין קריגן,
מ׳פירט געשלעגן דאָרט,
פאַר אַ ביסן, פאַר אַן אָרט,
אין הערצל,
ביי דעם וואָרצל
מיט שווידערליכסטע וואַפן.

אין דער הויך דאָס גרעזל
האַלט זיך אין איין הוידען,
מיט חברים־גראָזן
האַלט זיך אין איין סוד׳ען.
יעדער נויג — אַ רגע —
יאָרן מיליאָנען.
אַ שאַרך פון שטילן ווינטל,
מיט׳ן אויג אַ פינטל —
אייביגקייט — ביליאָנען.

שטעלט זיך אויפ׳ן גרעזל
אַ זשוקעלע אַ קליינס,
די פיסעלאַך אָפרוען,
טועם זיין פאַר איינס, —
רודערט אויף דאָס בערגל,
ווערט אַ סומאטאָכע,

קומט אַ קאַטאַסטראָפע —
די וועלט וועט אונטערגיין.

אין בערגל, אין דער טיפעניש,
יאָגט און נאָגט אַ בענקעניש,
פון ענגשאַפט צום געררים,
צום גרעזעלע, צום רוים.

און פון ווייטע ווייטן
ידיעות קומען, פליען,
מע זעט שוין ביי די זייטן
ווינטער גרייט זיך ציען.
וועט גראָז, בערג און טאָלן
אויף שטויבעלאַך צעמאָלן,
מילבן אין די בערגלאַך —
פאַרגליווערן, פאַרפרירן.

* *
*

און ווען די שעה ט׳געשלאָגן,
האָט רציחה האַסטיג זיך געטראָגן.

איז ווי דער ים אין בייזסטן שטורעם,
קאָכט און ברויזט דער כעס, —

ווי דער ווינט אין וויסטן טורעם,
בושעוועט דער האַס.

טרעסטשען גלידער, קנאַקן ביינער,
טריפט דאָס בלוט פון נעגל, ציינער,
אין געשלעג אויף לעבן, טויט,
פאַר׳ן אוצר, דעם ביסן ברויט.
האָט אַ שטימע, ווי אַ דונער,
אויפ׳ן שלאַכטפעלד האַרט באַפוילן:
— שטיי !
פאַרשטעק דעם שווערד אין שייד,
אין בייטל לייג די קוילן,
זיך ניט געשלאָגן מער.
— גיי !
הער פון יובל דעם געשריי
פון דעם קעלער ביז׳ן זאַל.

אוים געשפּענסט פון רויט, רויט,
דערגרייכט דעם אידעאַל:
פליישׁ גענוג און ברויט, ברויט,
שפּייז פאַר האָרעוואַניע, כוח.
ביינאַכט דאָס צווינגלאַכע פאַרגעסן,
הינערפלעט, אָפּגעטעמפּטער מוח,
און אויף מאָרגן —
ווידער עסן, עסן . . .

און קנאה, שנאה,
און די גאווה,
און די ליבע, און די תאווה,
זיך אַליין, דיין ערגסטן פיינט,
פון בייזע נעכטנס און גרימען היינט, —
ווען באַקעמפן וועסטו אָנהויבן,
איבער רשעות זיך דערהויבן?

*   *
*

און,
ווען אין טונקל
הויבט אַ נעכטן אָן שאַרירן,
בליאקירטע פאַרבן שעמערירן,
טוט פון גאָלד דער הון זיין מונטער קריי.

קאָפּ און בליק אויף צוריק אַ דריי, —
איז אין טראָפּן מאָרגנטוי
שפּיגלט הימל ראָזיג בלוי.
זילבערט אַ קנײַלכל איבער טײַכן און ימים,
צווישן פעלדער און וועלדער,
יונג און גרין, און פריש,
קײַקלט שוועל אַריבער
פון אַ ליימיג הײַזל
מיט אַ מאָרגן גרוס.

איז,
אַ לײַכטער קוש אין קאָפּ,
שמעקנד ווי אַ בלום,
מאַכט מיר אויף די אויגן,
קוק איך זיך אַרום.
ציען זיך צוויי שטראַלן

פון אויגן מילד און בלוי,
גלעטן מיך און צערטלען מיך:
דאָס בין איך, דיין מאַמע, דאָ.
צי ביסטו, טייער קינד מיינס,
געשלאָפן גוט די נאַכט,
געהאַט אַ גוטן חלום,
געפרייט זיך און געלאַכט?

וויקל איך די אָרעמס
אַרום מיין מאַמעס האַלז,
קוש איר אין די אויגן
און דערצייל איר אַלץ:
„אָ, מאַמע מיינע טייערע,
ווי גוט מיר איז געווען,
זאַכן שיינע, וואונדערלאכע
אין טיפן וואַלד געזען.

גערישן שיינע בלומען,
געקייקלט זיך אין גראָז,
געיאָגט זיך נאָך די פֿייגל
געשווינדער פֿון אַ האָז.

נאָר אָט פֿון קליינעם בערגל
פֿליט אַראָפּ אַ בין,
הויבט זיך אָן צו בייזערן,
ווייל אַ ביס מיך טאָן.

אָ, ווי געלאָפֿן בין איך,
און האָט דאָס הארץ געקלאַפּט!
נאָך אַ קליינטשיק ביסל
וואָלט זי מיך געכאַפּט.
האָט מיך מאַמע טייערע
אינמיטן אויפֿגעוועקט —

ניטאָ שוין מער דער בייזער בין,
ווי מיט'ן רויך אַוועק".

לאַכן מיר און קושן זיך,
ס'איז ביי אונז אַ פרייד.
— נאָר, מיין טייער קינדערלע,
זיי אין שול ניט שפעט.

*   *
*

זיינען טריט אַזוי גרינג,
טאַנצנדיגער שפּאַן,
שטעקלאך שפּרינגנדיגע
אויף אַ זעלעפּאַן:
אויף בוים און אויף גראָז
פייגעלאך אַ כאָפּטע.

פּיק-פּיק-פּיק — אַ קערנדל,
ציף-ציף-ציף — אַ ווערעמל,
שנעבעלאך פּאָלירטע,
פעדערלאך קאָלירטע.
לייכטע טאַנץ־מוזיק,
שפּרונג און ציף און פּיק.
צווייט איז זיס אויף בוימעלאך,

שפייז — געגוג אין גרעזעלאך
פאַר אַלעמען און פריי,
שפילנדיק און טאַנצנדיק —
לעבן איז כדאי
אינ׳ם זאָרגלאָז פרילינג־טאָן
פון פויגל אויפ׳ן זעלעפאן . . .

*   *
*

זיינען מיט טעפּיכער גאַסן געשפּרייט
פון גאָלד זוניגער פרייד געוועבט.
מענשן פון וואונדערלאַנד אין מאַרקן קניען,
מעשות און לידער־קרענץ צויבערלאך ציען.
אורחים פאַרשטעלטע האָבן בשורות
געבראַכט —
אין הויכע וועלטן פון מענשן מע טראַכט,
ווי נאָר ער'ט ווערט זיין —
די גאולה געבראַכט.
און אויף די פעלדער, אין גראָזן, זאַנגען —
אַזוי פיל פריידיגע געזאַנגען,
דערגרייכטע פאַרלאַנגען,
הימל מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

אין וואַלד פלעכטן פּעען פון בלומען
אַ קראַנץ,
וויקלען זיך אין שלייערס שטראַליגע,
גרייטן זיך צו חופּה־טאַנץ.
האַלטן אַ יונג דאָרט געפאַנגען,
ווען אין אַ העלד אים פאַרוואַנדלען,
לאָזן אין שטאָט מיט אַ צויבער־וואָרט —
זאָלן אַלע העלדן ווערן דאָרט.
און שרעטעלאך אין היילן בריליאַנטן
זאַמלען —
איינעם, דעם ווירדיגן, אַן אוצר דערלאַנגען.

און הימל,
הימל איבער הימל, פּונקט זיבן,
מלאכים אין גלות נאָך ניט געווען
פאַרטריבן.

גלאָרדייך וואונדערלאך קעניגרייך,
גאָלד און פורפור, זילבער און פערלמוטער.

רינצלט דאָרט אויבן
אַזאַ גלאַנציג ווייסער שניי,
זיגזאגט אינמיטן אַ ראָזיג געדריי,
יאָגט צו אַ גרינעם פאר׳כישופ׳טן פעלד.
אין פאנטאַסטישער בלויקייט
אַ ים שטייט פאַרטראַכט,
אויף אַ שיפל פון גאָלד און פון זייד
קוקט פאַרגאַפט:
אַ שיינענדיג מלאכ׳ל איז אין אַ ליד דאָרט
פאַרטיפט —
אַ בלום־שטילע פרייד מיט פאַרבן
באַצירט,
מיט פאַווע קאָלירן אין פאַספאָר וויברירט.

און שיין איז די וועלט, און ליכטיג און ריין,
קיין סימן פון טומאה — קדושה אַליין.

איז הימל צעשטראַלט און צעשמייכלט
געווען,
ביז מיט אַמאָל: —
אַ קאַטאַסטראָפע געשען:
ס'איז פון טיפע ווייטקייטן
פלוצים וואָס אַרויסגעשוואומען,
געוואָלט עס זיין אַ גרויער וואָלקן,
און אַ ריז זיך גלייך פאַרנומען,
מיט אַ מויל — אַ תהום, אַ גרויל.
וואַקסט און וואַקסט און שפּרייט זיך אויס
און שוואַרצן אייז — אַ באַרג די גרויס.
און,
פאַרשוואונדן איז דאָס מלאכ'ל,

באַגראָבן אונטער שווערן אייז,
בלויז אַ פליגל זילבער־ווייס
פלאַטערט אין קאָנוואולסיעס,
מיט בלוט־באַשפּריצטע פעדערן —
צעפליקט, הימל־אותיות —
קאָרטשען זיך און צאַפּלען זיך.
און אַ פאַרצווייפלט ווייטאָג־קרעכץ
לעכערט הימל אין גסיסה־שמערץ,
און טראָפּנס פאַלן בלייאיג־שווער,
מיט ווײ פון בלוט און פּיין פון טרער . . .

* *
*

איז וואו געלויכטן זון,
שפּרינגען בעסטיעס אום,
איבער בלומען, סאַמעט־בלעטער
מיט רציחה עמיץ טרעט שווער.
יאָגן ווינטן אָן פון וואַנען,
טרייבן:
„פרייד, אַוועק פון דאַנען".
וואָס געכישופט, ס'איז געבלענדט —
אויף קויל, אויף אַש פון האַס פאַרברענט;
וואָס געבליט, געמיט, געבריט, —
הענגט פאַר'חלש'ט, אַרונטער ציט.

*   *
*

און,
זיינען אויגן מיך באַפאַלן:
אויגן — שפּיזן מיט בלוט פאַרלאָפענע,
אויגן — פויגל אויף טויט צעשראָקענע,
פון אַלטע צייטן,
פון עבר־ווייטן,
ווען פינסטערניש פון היילן האָט געשפּאַרט
מיט בלוטיגן, רוצח׳שן פאַרדאַכט,
געשפּענסטער — דעם סדר געפירט,
האַרץ און מוח געפירט.
האָט רויע ליידנשאַפט געהוליעט אָן צוימען,
אָפן און באַהאַלטן נקמה גענומען.
ביז איינמאָל האָט אַ פייערדיג וואָרט זיך
צעטראָגן,

אין העלער זוניגקייט אויסגעבאָדן,
אין פינסטערע ווינקלען זיך פאַרקליבן,
געשפּענסטער צעטריבן;
האָבן הערצער עלנטע נחמה געפונען,
מוחות צעטומלטע — אַן אמת פאַרנומען,
אין סאַמעט געהילט,
מיט קרוינען באַצירט,
טייער געהאַלטן,
פון בייז אויג אויסבאַהאַלטן.
איז פאר פרעמדע דאָס פייער צו פלאַמיג
געווען,
אין בלענדענדן ליכט דאָס לויטערקייט
ניט געזען,
מיט פארניכטענדער קנאה געקוקט,
אין האַרצן א שנאה געבריט.

און,
אַ ליכטל, אַ קליינס, ביים שכנישן פייער
געצונדן,

אין דער הויך געהויבן —
זאָל דאָס אונז דאָס גרויסע ליכט זיין,
אַ גלויבן!
און מיט פּאַנען אַוועק און מיט צלמים
אויף אַ וועג פון שפכות דמים,
מיט תפילות — מאָרדן באַזינגען,
מיט גלעקער גרוילן פאַרקלונגען.
איז נאָך ניט פאַרשטומט פון גלאָק
דער גלין־גלאָן,
רופט און צינדט, און גרויזאם זאָגט אָן:
אַ שחיטה ט׳באַלד זיין,
אויף מאַן און אויף ווייב, אויף קינד און
אויף רינד.

און שאַנד און שפּאָט, און טייפֿלס
געלעכטער —
גלאָק וועט באַשירמען, גאָטס טרייעסטער
וועכטער . . .

*　　*
*

איז אין פֿײַנטלאַכן דרויסן
האָט דיך ווער פֿאַרלוירן,
עמיץ דיך פֿאַרגעסן,
פֿאַרלאָזן, פֿאַרשטויסן.

קרייצן טריט ווען איבער —
שווער און טעמפּ, און פֿרעמד;
שניידט די לופֿט אַריבער
אַ גוסס אין אַ קרעמפּ.

אומזיסט דערוואַרט אין אַנגסט
אַ דרוק פֿון פֿינגער באַנגסט,
אַ שטראַל פֿון אויגן ליכטיק,
אָן שוידער, עקל־ציכטיק.

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

נאַסע טראָפּנס רעגן
פאַלן פון דער הויך,
איילן צו דעם קאַלטן באָדן
אין אַ גרויען רויך,
קלאַפּן אין די שויבן
מיט פאַרשטיקט געוויין:
טראָגט זיך אין די וואָלקנס אום
געוואַגט אַן עראָפּלאַן,
בלאָנדזשעט אום און וואָגלט אום,
קיין שיין ניט צו דערזען.
טונקעלע כוואַליעס קאָרטשען זיך
מיט געקרעמפּטן וויי —
שאַרפן שנאָבלען ווילדע פויגלען,
בלענדענדע ווי שניי:

אָנגעשלאָגן האָט אַ שיף
אָן אַ ריזן־שטיין —
טרינקט מען זיך,
מע ראַנגלט זיך,
קיין הילף איז ניט צו זען.
איבער דאָרף און איבער שטאָט
אַ פאַרצווייפל־קול די נאַכריכט טראָגט:
אין די הערצער שלאַנגען־נעסטן,
פאַר'סמ'ען זיי, צעפרעסן! . . .

*   *
*

איז אומזיסט געווען דאָס וואַרטן,
אַז אין חשכת פון דער נאַכט,
אינ'ם איינזאַם, יאוש, טרויער
וועט עמיץ איינרוימען אין אויער:

אינ׳ם גרויל פון צער,
ווי פאַרהילט,
אַ פייער פלאַקערט,
איז דער באָדן טיף צעאַקערט,
און די זוימען לאָזן שפּראָצן,
פון די שפּראָצן ציען פעדים, —
און שוין אַ פאָרהאַנג וועבט זיך,
נאַכט פון טאָג צעשיידט זיך,
רו פון קומער שיילט זיך.
שוין טראָגט מען אונטער
דיר אויף טאַצן
צוויי מתנות, גרויסע שאַצן:
וואָס געוועזן — ניט געדענקען,
ווען און ווי — ניט פאָראויס וויסן,
אויסגעמעקט און אויסגעריסן . . .
אומזיסט . . .

* *
*

אויף גראַניט, אין דער לופטן,
הענגט אַ טוך —
באַהעלטעניש פון כישופמאַכער,
אַ פאַרשלאָסן בוך.
שוואַרצן אָפּגרונט טעפיך דעקט
מיט מאָרגנדיגע קונצן —
אנטוישונג, א באַלוין,
פון פּאַפּיר אַ קרוין.
מיט ברעם אַ צי — געדאַנק אין בלי,
אין אַ האַרץ אַ גלי,
פאַרבלענדטער הונגער־בליק;
אויף אַ קלאַנג — וועמעס געזאַנג? —
אויפגעשפּיזט דאָס גאָרע גליק.

— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

אייזבערג פלאַקערן אין פייער,
אין די ים׳ען פלאַמען שטראָמען,
צינדן — לעשן וויזיאָנען
אויף ניט געדאַכטע האָריזאָנען . . .

* *
*

אין א דאמבע אָנגעשפארט,
אויפ׳ן זאַמד ביים ים,
האַלט דעם בליק איך אָנגעשאַרפט
אויפ׳ן וואַסער־פלאַם.
שוין פון לאַנג פאַרשפּראָכן מיר,
נאָך ביים ערשטן וויי,
אַ קונץ — אַ וואונדער אין טיפן ים

האָט אַ גוטע פּעע:
אין דער טיפער טיפעניש,
צווישן פיש גרין־אויגיגע
און וואַסערפלאַנצן בויגיגע,
שווימט אַ נימף אַרום,
און מיט פינגער צאַרט און ווייס,
אימפּעטיג, מיט עכטסטן פלייס,
גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט
אַ בלומענקראַנץ זי פלעכט.

יעדער קרעכץ און ווייטוט ברום,
וואָס רייסט זיך פון דיין ברוסט, —
פאַר אַ פאַרלאַנג פאַרשפּאָטענעם,
פאַר דיינס אַ וואונש צעטראָטענעם —
קייקלט זיך אין ים אַריין,
פאַרוואַנדלט אין אַ בלום.

און צערטלאך צו די ליפּן פּרעסט
די נימף די פרישע בלום
און מיט טרערן פּערלנע
וויקלט זי אַרום.

און צייטיג ווערט דער לעצטער קרעכץ
פון דיין טיפסטן שמערץ, —
לייגט די נימף דעם בלומענקראַנץ
אַראָפּ צו דיינע פּיס,
און פאנגט דיין לעצטן אָטעם־צוג
מיט איר צאַרטן קוש.
און אומגעדולדיג, אָנגעשטרענגט
זיץ איך דאָ און וואַרט,
און איך שרעק זיך, און איך ציטער:
האָט די פּעע מיך אויך גענאַרט?

* *
*

װעלטן אין די רוימען פּרעסן,
שיכט אויף שיכט.
אַ באַפעל האָט זיך צעטראָגן —
— צום געריכט !

— — — — — — — — — — — — — — —

זון איז מיד פון ליכט . . .
נאַכט,
זאָל קומען נאַכט,
פון קיינעם ניט באַוואַכט . . .

*   *
*

האָט הויכן אָנגעהויבן
ראַנד פֿון טאָג און נאַכט,
איבער ערד געצויגן האָט דער הימל
פֿאַרכמורעט און פֿאַרטראַכט.
און ווי אין אַרקטיק געווייסט דאָרט האָבן
הירש און בער אין טונקל־זילבער —
און ניט געוואָרן,
און קאָפּ פֿון לייב, פֿון פֿויגל־פֿליגל
געלויכטן אין אַ שיין אַ מילדער —
און אויפֿגעלייזט געוואָרן.

איז אויפֿגעשטיגן מיט אַמאָל
אַ ווייטמוטיג געשטאַלט
הענט צעשפּרייט אין טיפֿן ווײ,

מויל צעקרימט אין שטום געשריי.
האָבן הימלען זיך געשפּאָלטן
פון פאַרשטיקטן ברום,
רוים געטרייסלט און געשווידערט
פון בליצנד בלענדנד שאַרפן ברום:
— דו!
וועמעס פּנים ס'איז פאַרהילט פון מיר,
— דו!
וועמעס האַנט וואַרפט אומזיכטבאַר
אַרום מיט מיר.
אייז־קאַלטער מות,
אכזריות'דיגער כוח!
איך וויל ניט זיין שוין מער
קיין שפּיל, געצייג ביי דיר.
ניט איינמאָל שוין האָב איך געפלאַנט —
פאַרהאַקן שווער די טיר,

איך וויל ניט מער קיין צוואַנג — דיין האַנט,
דיין שליטה איבער מיר.
אוים בלינדער שקלאַף,
קיין באַפעל פון דיר.
ווייסט זאָלן בלייבן לענדער,
קיין זאָם, קיין שפּראָץ פון מיר.

האָסטו זיך דערשראָקן.
קענסט דעם גורל פון אַן איינעם,
וואָס פאַרגעסן ווערט,
שרעקסט זיך פאַר'ן טויט,
פאַר דיין טרייען שקלאַף:
ווייסט —
מיט מיר שטאַרבט אויך דיין נאָמען אָפּ
פון דער ערד.

האָסטו זיך געלוסטיגט איבער מיר
מיט דער שלויקייט פון אַ האַר,
די אויגן מיר פאַרבלענדט,
מיט כשוף אויסגעברענט:
אויסגעצויבערט האָסט אַ זי פאַר מיר
פאַרפירעריש, באַגערנד,
מיך — באַקרוינט מיט העלדנמוט,
באַהערשנד און באַקערנד.
און פאַרשפּראָכן וואונדער, גליק
אין איינס־און־צווייטנס בליק.
און הייסער ווי אין פייער־פלאַמען
האָט אין ברוסט ביי מיר געקאָכט,
און באַגערן, מעכטיגער פון ימ׳ען,
האָבן מיך געשטורעמט און פאַריאָכט.

האָסט כלומרשט מאַכט געגעבן מיר,
דעם רודער,
איז געפּייניגט האָב איך זיך
אין לייב פון מיינע ברידער.
און געגעבן האָסטו מיר
די פולע פרייהייט,
פרייהייט פון אַ האָז
פאַר'ן לוסט פון יעדער־הונט,
פאַר בלוט־געשפּיל אין גראָז.
האָסט גע'חוזק'ט איבער מיר
האַרצלאָז, גרויזאַם, האַר,
דערנידעריגט, דעגענערירט,
געמאַכט פאַר רשע, נאַר.

און געטויכט האָב איך
אין טיפעניש פון מיין נשמה

און פון דאָרט אַרויפגעשריגן צו דיר —
איז קיין ענטפער ניט געקומען.
און פון העכסטן טורעם פון מיין מוח
האָב איך אַרויפגעקוקט צו דיר —
דו האָסט זיך ניט געלאָזט דערקענען.

איך ווייס —
פאַרגיין וועלן אייביגקייטן, ביליאָנען,
ביי דיר — אַ גאָרניט פון אַ גאָרניט,
פון קיין אָנהויב ניט.
בייטן וועט זיך פילע מאָל מיין פנים,
מיין געשטאַלט,
פון אַסך
וועט בלייבן איין־און־איינציג איין,
דער גייסט פון מיר, מיין מות, —
און דאָס וועט זיין מיין וואָפן קעגן דיר,

מיין כוח.
איז אַ שותּף אויפ'ן טראָן מיט דיר,
אָדער אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַר מיר.

דעם אָנהויב האָב איך שוין געמאַכט,
אין דיין פאַרהאַנג
האָב איך שוין אַ לאָך באַדאַכט,
נישטיק־קליין דערווייל —
עלעקטראָנדל די גרויס,
און באַלד דיין צודעק
וועט אינגאַנצן זיך צעפאַלן.
ווערט אויס מיט דיין סוד,
אַ סוף צו דיין גנאָד.
ביי מיר — אייביקייטן, ביליאָנען,
ביי דיר — אַ גאָרניט פון אַ גאָרניט בלויז
אויף דיינע האָריזאָנטן.

אָפּט פאַרקלעמט מיין האַרץ פאַר דיר
אין גרויס רחמנות:
ווער ווייס,
צו הערשן,
איבער לעבן, טויט, דאָס גוועלטיגן
איז גאָלע נחת רוח, אָן קרבנות ?
אפשר,
איינמאָל שפּינען אָנגעהויבן,
אַליין אַ שקלאַף געוואָרן,
דעם ראָד ניט אָפּצושטעלן מער ?
בלוטעט מיר מיין האַרץ פאַר דיר,
דו, הארצלאָזער,
צי איז גאָר אויף אַן אמת שולדיג ווער...

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי געיאָמערט האָבן אויבן

פון אַ ווייטאָג קלאַנגען,
און פאַרקלעמט געבליבן שטומען
אין אַ נעץ געפאַנגען.
איז פאַרשטאָרבן ציטער פון געשריי,
ווען אַנטרונען איז געוואָרן
אַ געשטאַלט פון אַנגסט און ווי.
און וואו סע הויבט זיך אָן,
צי' ענדיגט זיך אַן אָנהויב צי אַן עק,
האָט געשפּרייט זיך און געצונדן
אַ גרויסער רויטער פלעק.
איז עס צאָרניגער געוואָרן נאָך
דער צאָרן,
צי' אַ טיפע וואונד
נאָך בלוטנדער געוואָרן ? . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

און ווען טאָג און נאַכט געררייכט האָבן
זיך הענט,

און פאַרשוואונדן איז אַ צוים פון ביז
הימלדיגע ווענט, —

האָבן אויפ׳ן בלויען סאַמעט
שטערן זיך צעשטעלט אין שורות גאָלדענע,
אויסגעהאָפטן מיט אַ האַנט
פון קרעפטן נאָך פאַרבאָרגענע:
„און ער וועט דיך פורמען,
און ער וועט דיך קנעטן.
וואונדן וועלן בלוטן,
און דו וועסט שילטן, בעטן;
קיין רחמים, מיט געוואַלט
זאָלסטו באַקומען זיין געשטאַלט,
ווערן פריי, אַ גרויסער,
אַ באַשאַפער,
אין דער בחינה פון אַ יוצר״ . . .

* *
*

קוק איך זיך אַרום —
אָנגעבליקט אַ בלום,
פון זון אַ שטיקל זוים, —
צויבער איינציגער אין רוים.
טאַנצט אַ פּייערל, זינגט:
„אַ נאָקטורן,
אַ סאָנעט,
צוזאָג, אַ געבעט.‟

אַ פּאָר קינדער־ריינע אויגן
איבער דיר אַראָפּגעבויגן,
נאָך אַ חלום בייזן, שוואַרצן
אַריינגעקושט דיר טיף אין האַרצן.

בלייבסט שטיין שטיל, פאַרגאַפּט,
האַלט דער צויבער דיך אין מאַכט,
ווידער דיך פאַרכאַפּט,
פאַרשקלאַפּט.

עמיץ שפּילט — אויף פידל,
פּנים, האַנט — ניט צו אָנצוזעו,
נאָר אין זיינע טענער
צעגייען זיך די ווייען.

ערגעץ זינגט אַ פויגל,
אין האַרצן צי אין וואַלד,
ווערן גרויע וואָלקנס
באַזוימט מיט זונען־גאָלד.

מאַגיש לויכטן שטערן,
אין אַ ווייטן צויבער־לאַנד —
וועט באַלד אַ גלעט זיך פילן
אין דער שטרענגער, פעסטער האַנט . . .

* *
*

און,
ס'אי געוועזן טאָג,
זונענליכט,
לוסט און פרייד געפלעכט.
הימל — פרידן־פלאַם,
פעלדער, וועלדער — רייצגעשפאַן.
מענש אין צויבער איינגעהילט,
בלומגעזאַנג אין האַרצן בליט.

טרערן . . .
לעכץ פון וועלן, ווערן,
בענקשאַפט פערל, ניגון טרעלן —
העלע האָפנונגס־קוועלן.
און שניטן —
וואונדרן פרעמד־אייגן —
אויסגעווישט און אויסגעקושט.
ס'איז האַרץ צעשפּרייט און אָפן,
אינער־שמייכל אויף די וועגן פרייגעלאָפן...
און ווייען פרייען —
מוטיג און פאַרגעביג.
מענש — איך, דו,
דיך אין זיך געטוליעט,
געזאַנג פון מאָרגן אַרומגעהוליעט,
אומגעצוימט, אָן גראדן,
צויבער, בליציגע זיגזאַגן,

כשוף געטונקען אין מזרח־הימל פאַרבן.
דאָס איז זון געוועזן יונג
און דרייסט אין שוואונג.
אין פייער־צונגען בריען טריט —
הייסע דורשטן ניט געקילט
אין געאייל צו ווייטע וועגן,
נאָך צעלויכטענע געוועבן.
העכער, העכער,
וואו קרישטאָל־בליקן שמידט
זײַנען טריט ניט איינגעמידט,
גייען, גייען,
אין די הויכן שלעסער זען.

זײַנען ציין און נעגל טיף באַגראָבן,
אָפּגעווישט פון בלוט דער פלעק,
אַוועקגעיאָגט פון אויג דער שרעק,

איז אָוונט־אומעט שטיל, פֿאַרטראַכט,
אָן דעם פֿינגער פֿון שוואַרצער נאַכט,
נאָך אַ טאָג פֿון אָן געשלעג,
ליכט־געשפּאַן אויף שליאַך און שטעג.

*   *
*

און,
ס'אי געווען נאַכט —
בייזע רוחות אין אַ שלאַכט.
איז,
אינ'ם טעמפּל פֿאַר גאָטס שטול,
געהאַקט דעם שטערן אינ'ם דיל,
מענש געקראָכן אויף די קני
און געיאָמערט:
— גרינגער איז מיין ברודערס יאָך,
מיר דוכט,

מיינע איז די שווערסטע לאַסט,
ברענט אין מיר אַ קנאה,
איך פיל צו אים אַ שנאה.
און,
ער איז דאָך דער שוואַכסטער,
פון גאָט דער ניט־באַוואַכטער, —
גיב מיר, האַר, זיין בלוט,
זיין לעבן און זיין גוט.
און,
זיין גאָט האָט אים באַוויליגט:
הרג׳ע און פאַרטיליג.

אויפגעריסן אַלע פרענטעס
איז דער האַס אַרומגעלאָפן,
האָריג, ערשט פון וואַלד, און ווילד,
גערעוועט, זיך פאַרבלינעט:

— בלוט, אַ, אַ, בלוט . . .
און געריטשעט אין דער נאַכט,
פרעך דעם טאָג אַריינגעלאַכט.
און,
איז מענש געוואָרן שימפּוואָרט,
צו שפּאָט געוואָרן גאָט.

האָבן מיט די לעצטע כוחות
העלזער גוסס'דיג געכריפּעט:
— אמת . . .
וואו אַהינגעקומען איז דער אמת ? . . .
האָט אַ שטימע זיך צעציטערט
אין אַ טיפן צער
און אַ מילדן פאָרוואורף:
אמת,
וואָסער אמת

און וועמעס אמת ?
פון אמת'ן אַזוי פיל
אין פאַנטאַזיע־שפּיל,
צאָליג, ווי די געטער
פון די גלויבער און די שפּעטער,
וואו יעדער שאַפט זיין גאָט
און זיין גאָטס געבאָט,
וואו פאַרשידן מאָס און גרונד
פאַר טוגנד און פאַר זינד.
איז יעדער אמת עכט
און פאַלש, און אומגערעכט.
און אמת אמת זיינען צוויי נאָר
בולט, קלאָר,
רייציג־פריידיג און בלוטיג־רויט —
דאָס לעבן און דער טויט.
ריזן־מעכט

אין אייביגן געפּעכט
פֿאַר אַלץ, וואָס אָטעמט, לעבט,
וואָס גייט און פֿליט,
קריכט און בליט.
און דעם קאַמף דעם ביטערסטן
פֿירן ביידע אָן
פֿאַר דיר, בחיר היצירה,
געשטאַלטיגט אין גאָטס צורה.
איז לעבנס שטאַרקסטער וואָפֿן —
פֿרייד פֿון אויפֿגיין און פֿאַרזייען,
דורך ליבשאַפֿט און רחמנות.
און טויטלאַך איז דעם טויטס געווער —
פֿאַרניכטונג און פֿאַרגיין,
רשעות און גזלנות.

און,
בריאה אויסדערוויילטע,
איז די ברירה דיר געגעבן,
שיידן טויט פון לעבן.
ריים אַרויס פון האַרץ דעם האַס,
די קנאה און די שנאה,
זאָל זיין אַ טויט דעם טויט,
און לעבן זאָל דאָס לעבן.

*   *
*

און —
ס'אי געווען ניט טאָג
און ניט נאַכט,
קיין יבשה און קיין וואַסער —
הימל־פּראַכט.
רוים,
אומענדלאַך, אָן זוים.
אילומינאַציע,
בליץ אין דימענטן צעשאָטן,
שעמערירט —
יום־טוב אויסגעצירט.
און ליכט געזאַנג, האַרמאָניע,
גלעקל־קלאַנג קרישטאַלענער
ציטערט אום, וויברירט —

אַ שטימע עקזאַלטירט
אַ נעכטן אונטערפירט:

אַמאָל, אַמאָל,
ערגעץ וואו אַן אייביגקייט,
ערגעץ וואו קיין אָנהויב ניט,
אין צייטן אָן אַ צייט,
אָן אַן נאָענט, אָן אַ ווייט,
פאַרגליווערט אינ׳ם שפּאַן
און שטורמיג אינ׳ם שטראָם,
אויף אַ פּינטל פון אַ פּינטל,
פון אַ קרייז פון קרייזן, קרייזן
פונ׳ם רוימען רוים, —
האָט אַ שטויבל זיך געטראָגן,
פון אַן עפּעס לויז געוואָרן
און געדרייט זיך ווי פאַרלוירן —

קוגל,
קוגל־ערד.
איז אַלעס דאָרט געווען שטויב,
אַ שטויבן־מערכה,
ערדישער שיקזאַל —
אין שטויב צוריק צעפאַל.

האָט מיטגעשלעפּט אין וואָגעלניש
אַן עלנדע באַשעפעניש,
מיט'ן נאָמען מענש,
אונזער אור־אור עלטער־פאָטער,
אונזער אַלטער שטאַם,
אַ רגע'דיג באַהעלטעניש פאר'ן לעבנס־זאָם.
יעדער — אַפּאַראַט באַזונדער,
קאָמפּליצירט,
פאַר פונקציאָנען — וואונדער:

גיין, זעען, פילן,
אַרבעטן און שפּילן,
תהומים אין זיך טראָגן,
מיט'ן גורל זיך צעשלאָגן.
האָט געפילט זיך איינזאם,
אָפּגעשלאָסן,
וועלט באַזונדער,
אַ גוף פון ערד אַ שווערער,
אומבאַהאָלפן, קוים באַוועגט זיך,
לאַסט געדריקט צום באָדן.
ניט געהאַט די זכיה —
באַוועגן זיך אָן מניעה
איבער תהומ'ען, אין די רוימען...

האָט געהאַט צוויי קליינע ליכטלאך,
גערופן זיי — די אויגן,

צו דער ערד געצויגן,
קאַרג זײַן וועג באַלויכטן
פון שווערן קלערן, טראַכטן.
ניט גע‫זען אויף אַ שפּאַן,
וואָס ס׳איז אַלץ פֿאַראַן
פון אויבן און אַרום.
ניט געהאַט דעם חוש פון דרינגען,
דורך און אַרײַנצודרינגען,
אין פֿינסטערניש געטראָטן,
פֿאַר׳ן שיקזאַל זיך געשראָקן.
ווײַט געווען פון אוצר,
פון אייביק לעבנס־ליכט,
פֿאַרמאָגט אַ ברעקל פון אַ פונק,
פון אַ פונק, פון אַ שפּריץ, פון אַ בליץ
פון׳ם העלן ליכט,
אויף אַ ווײַלע אים געבאָרגט,

אַ טײלעכל ענערגיע
פֿון שׂכל'דיגער קראַפֿט
פֿון עסענץ פֿון לעבנס־זאַפֿט.
און מיט אַלע כּוחות
איז פֿונק געקלאַמערט זיך.
געראַנגלט זיך, געבלוטיגט
אין ווייטאָגן, יסורים.
ניט געוואָלט זיך אומוועקסלען,
אין שטויב צוריקצופֿאַלן,
אויפֿהערן, פֿאַרגעסן זײַן
און פֿאַרפֿאַלן ווערן.

און פֿאַר שפּײַז, וויטאַליטעט,
דעם פֿונק וואָס לענגער האַלטן, —
אין שטויב געראַיעט זיך,
גענישטערט און געגראָבן.

און אויך זיין שכנ׳ס בלוט געזויפט
און זיין לייב געפרעסן,
וואָס אויף פליגלען זיך געטראָגן,
וואָס אין וואַסער אומגעשוואומען,
אויף פיר פיס געשפרייזט דעם באָדן.
און פאַר געצייג, און פאַר כלי־זיין
באַנוצט זיך מיט צוויי שטאַנגען —
געהייסן פיס —
צום יאָגן זיך און פאַנגען.
און צוויי דראַנגען —
הענט גערופן —
צום כאַפּן און באַצווינגען.
ווייניג וואָס געקענט אָנטאַפּן,
נאָר געמוזט דעם קערפער שטאָפּן,
איז געווען אַ קנעכט
צוליב דעם שפּראָצל ליכט.

ניט געהאַט דאָס מזל נאָך
אַליין אַ ליכט צו ווערן,
לויכטן ניט אויפהערן.
אַלע אינאיינעם זיין,
איינס אין אַלץ אַריין,
אַ קליינער טייל פון כוח
און אַ קראַפּט אין מוח.
נאָר,
פאַרמאָגט אַ שאַץ — אַן אוצר —
שטאַרקע בענקשאַפט ווייען,
באַשענקט געווען מיט טרוימען —
אין פאַרהוילטן וועלן זען.
צוערשט געהאַט אַ שוואַכן אַן,
און קלערער אַלץ געוואָרן דאַן —
אַ וויזיאָן :
קיין פלייש, קיין ביין,

אַ וועזן אַ פּערפעקטס דערזען.
און די וועלט אַ טראָן,
אַ היכל פאַר'ן שכל.

האָט פונק צעבלאָזן זיך אין פייער,
אַן אידעאַל געוואָרן טייער.
און געשטרעבט, און געמיט,
און געקלעטערט, הויכן, וויטן,
איז אויסגעשטאָרבן אַלע טויטן
אין די פּרואוון, אין די שטרייטן,
אין געשאַלטן און געבעטן
אין זיין יאוש, אין זיין האָפן,
איז דער חשק ניט געשטאָרבן,
קלעטערן, דערוואָרבן . . .

און,
ס'איז געשען,
נאָך די שאַרפסטע ווייען,
אַריינגעדרונגען און באַצוואונגען:
עלעמענטן אין די ספערן,
גאַזן און דירעקט די שטראַלן,
וויטאַליטעט פון ערשטע קוואַלן.
און ביסלאַכווייז און שטופנווייז,
אין יאָרן אָן צאָלן,
האָט געזיגט דער שפּל-טרוימער —
פון די גלידער זיך באַפרייט
און פון׳ם גאַנצן חומר,
ניט באַנוציגט זיינע דינסטן,
פונקציאָנען,
פון לאַסט געוואָרן אויסגעלייזט, אַ פרייער,

אַליין אַ שטראַל פון אייביק ברענענדיקן פייער.

איז ערד, דער שטויב

אין תהום פאַרזונקען,

געבליבן זיינען מיר נאָר פונקען.

איז אַלעס ניי, אַלטס פאַרגעסן

אויף די פליגל פון אַ ציל,

צו האַרמאָניע און גראַציע־שפּיל.

און מיר שוועבן אין די קרייזן,

צו דעם קרייז פון אַלע קרייזן,

און מיר נענטן —

צו ליכט, צום גרונט, צום שכל,

צום סוד פון אַלע סודות,

יסוד פון די יסודות.

איז דער וועג געשפּרייט מיט פרייד,

אונזער גאַנג — אַ טרומף־געזאַנג.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי געזונגען האָט דער הימל,
העל אין דימענטן צעלויכטן,
פון וואָר געטרוימט אַ חלום,
אַ וויזיאָן געפלאָכטן.

* *
*

שטיל געבליבן איז מיין פריינט,
צעעפנט ברייט די אויגן,
און ווי אין טראנס גענומען גיין,
— האָט ער וואו אַ שיין דערזען?
געצויגן זיך, געהויבן.
נאָר ביים שוועל געלאָזט פאַר מיר
אין בלוט געוויקט אַ רויט פּאַפּיר:

ווען דו וואַכסט צומאָרגנס אויף,
און קאַלט איז דאָס געלעגער,
און שטאַר די אויגן קוקן,
און שטייף זיינען די גלידער, —
זאָלסט זיך ניט דערשרעקן:

כ׳האָב בלויז פון באָרן אויפגעהויבן
צוריק דעם וואַנדער־שטעקן.

איצט לויפט מיין וועג באַזונדער
דעם קורס פון שטיין און וואונדער.
און ווי הויך און ווי ווייט,
און ווי טיף און ווי געדרייט
סע שלענגלען זיך די טרעפּן,
קענסטו מיך נאָך טרעפן:
אין דעם פעלד, צווישן זאַנגען,
פונ׳ם וואַלד און די געזאַנגען,
אויף אַ צווייגל פון אַ בוים,
אין אַן עפּל, אין אַ פלוים,
צי אין וואַסער, ביי די פיש;
און, אפשר,

צוריק בײַם רייך־געדעקטן טיש,
וואו אַלע בלויז באַזוכער זײַנען,
וועסטו מיך געפינען —
אפשר מיך געפינען . . .